„RADOMER-KIELCER LEBEN" 5 (185) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" פּרײַז 25 גראָשען פּינפטער יאָהרגאַנג

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

הײַנט 10 זײַטען.

אדרעס
פון „ראַדאָמער-קעלצער לעבען"

Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען פּרײַזן
איין מילימעטער שורה: פאַר'ן טעקסט 20 גר.
" " " אין " 40 "
" " " נאָכ'ן " 18 "
די ערשטע און לעצטע זײַט ענטהאַלטן 8 שפּאַלטען
אין טעקסט 4 "

3-go lutego 1928 r. ◆◆ פאַר'ן אינהאַלט פון טעקסט אין די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פאַראַנטוואָרטליך ◆◆ ראַדאָם פרײַטאָג יג' שבט תרפ"ח.

טעאַטער „ראַזמאַיטאָשטשי"

גאָר 2 גאַסטשפּילען פון דעם געניאַלען דראַמ. אַרטיסט
געוו. אָנפיהרער פון קראַקאָווער יוד. טעאַטער

## יאָנאַס טורקאָוו

— און —

## דיאַנא בלומענפעלד

ס'בעטייליגען זיך: דיאַנא בלומענפעלד, יאָנאַס טורקאָוו, ז. באַדער, ל. סטאַוו, נ. מעסינגער, ש. עלטערס, ח. זיגער.

פרײַטאָג דעם 3 לוטי 8³⁰ אָווענד

### די רומענער

פּיעסע אין 4 אַקטען פון ל. ווערנער
יודיש פון י. טורקאָוו.

שבת דעם 4 לוטי 8³⁰ אָווענד

### פּראָקוראָר האַלערס

סענסאַצ. דראַמע אין 4 אַקטען פון ל. לינדוי,
בעאַרבעט און איבערזעצט פון י. טורקאָוו.

די פּיעסען ווערען געשפּיעלט אָהן סופליאָר.

בילעטען-פאָרפערקויף אין פרײַז פון 1 זל. ביז 4 אין אַפּטייק-סקלאַד פון ה' צימערמאַן לובלינער 11
און אין די טעג פון די פאָרשטעלונגען אין טעאַטער-קאַסע פון 7 אָווענד.

Z intencji zaręczyn
p. JAKÓBA GOTTLIEBA
z p.
SABINĄ FISZÓWNĄ
wiele szczęścia życzą
*Eisenberżanki.*

*Lekarz-Dentysta*
R. BANKIER
RADOM,
SKARYSZEWSKA 15.
vis a vis parku Kościuszki
**PRZYJMUJE OD 9-1 i OD 3-7.**

Dr. med. ZOFJA PAKOWSKA
**STOMATOLOG**
CHIRURGJA JAMY USTNEJ,
**LECZENIE ZĘBÓW**
**i chorób jamy ustnej**
**TECHNIKA DENTYSTYCZNA**
Przyjmuję od 10 — 11 p. p. i od 4 — 7 po poł.
**Radom, ul Marjacka 12**
— (**dom sen. Gluglera**). —

Z okazji zaślubin
p. Sali Taśmianki
— z p. —
Arnoldem Lichtensztejnem
serdeczne życzenia składa
**DAWID BALICKI** Kielce.

Salomea Taśmianka
Arnold Lichtenstein
ZAŚLUBIENI
Kielce, dn. 3 lutego 1928 r.

א האַרציגען ברכת מזל-טוב, גליק,
עוויגעס צופרידענהייט, האַרמאָניש צוזאַמענלעבען
ווינשען מיר אונזער ליבען זוהן און ברודער
**אהרן** צו זיין חתונה מיט פר"ל **שרה טאַשמע**
(פון קעלץ).
עלטערן, שוועסטער און ברודער
**ליכטענשטיין** קיעלץ.

Z intencji zaślubin pana
**Arnolda Lichtensztejna**
z p. **Salomeą Taśmianką**
składa najserdeczniejsze życzenia
Młodej parze,
Dawid Frydman Kielce.

בברכת מזל-טוב חמה ועתיר מזהיר על הרי ציון
וירושלים אנו מברכים את ידידנו מר **חיים שלום**
**ליכטענשטיין** ומשפחתו לרגלי נשואי בנם
**אהרן אליעזר** יחי' את בחירת לבו העלמה מרת
**שרה טשמה.** **זאב קלוסקא** ורעיתו ק"ק.

Z intencji zaślubin naszego kochanego kolegi
z ławy szkolnej **Arnolda Lichtensztejna**
z p. **Salą Taśmianką** serdeczne życzenia
Młodej parze i Rodzicom składają
Nikodem Rawicki
Aniek Müntz.

Regina Rozenberg
Suchedniów
Gerszon Zylbersztejn
Kielce
**ZARĘCZENI**
w Styczniu 1928 r.

Z intencji zaślubin
p. Sali Taśmianki z p. Arnoldem Lichtensztejnem
składają szczere życzenia
*Rada i Zarząd*
*Okręgowego Związku Kupców*
**w KIELCACH.**

בברכת מזל טוב ועתיד מזהיר **בארץ**
עתידתנו אנו מברכים את ידידנו מר
**חיים שלום ליכטענשטיין** ומשפחתו
לרגלי נשואי בנו מר **אהרן אליעזר**
את [illegible] **ש. טשמה.**
[illegible]
קיעלץ. **חיים זילבערני** ורעיתו.

ועצט אויפ'ן פערד, האט ער מיך אבגערופען אין א זייט, פערצייכענט ביי זיך אין נאטעס מיין נאמען און געבעטען מיין עצה וועגען א זיכער ארט, וואו זיך בעסער אויסבעהאלטען פאר די רוסען, וועלכע וועלען געוויס אנהויבען א געיעג נאך זיי.

איך האב איהם געגעבען מיין עצה, אז ווען ס'וועט אינגאנצען טונקעל ווערען אין דרויסען, זאל ער איבערגעהן מיט זיינע זעלנער אויף דער צווייטער זייט קאנאל (דער קאנאל איז אין יענער צייט געווען גארנישט טיף) און זיך אויסבעהאלטען אין א דארטיג בעקוועם ארט, נישט ווייט פון קאנאל, און ווען די רוסישע פערפאלגערס וועלען זיי שוין אויסמיידען און זיך אומקעהרען צוריק, ערשט דאן איבערגעהן צוריק אויף דער זייט קאנאל און פארזעצען דעם וועג. דער דאוואודצע און אלע עלסטע האבען זיך מיט מיר פריינדליך געזעגנט און זיך געלאזט אין דער ריכטונג, וואו איך האב זיי אנגעוויזען.

נאך די שרעקליכע איבערלעבענישען פון יענעם טאג איז קיין שלאף די גאנצע נאכט נישט געקומען אויף מיינע אויגען. ארום פארטאג ביי דער שיין פון די פייערען אויף די „פאסען" דערזעה איך פלוצלינג ווי ס'דערנעהנטערט זיך צו אונז רוסישע קאוואלעריע. מ'רופט מיך תיכף צו צום פולקאווניק און ער פרעגט מיך שטילערהייט וועגען די פוילישע רייטער. איך דערצעהל איהם אלץ ווי ס'האט פאסירט, נאר וועגען לעצטען געשפ-עך מיט'ן דאוואודצע האב איך, זעלבסטפערשטענדליך, פערשוויגען. איך האב איהם אויך נישט געקאנט ארויסזאגען מיין השערה, ווי ער האט פון מיר געפאדערט, וואו די פאליאקען מוזען זיך איצט געפינען. די רוסישער רייטער זענען אוועקגעפאהרען.

אויפ'ן דריטען טאג, ווען איך בין שוין געווען אויפ'ן זעלבען קאנאל הינטער קאברין, קומט צו מיר א אומבעקאנטער ציווילער פארשוין, פרעגט מיין נאמען און קוקט [illegible] גוט איין אין מיר. א בערצייגענדיג זיך, אז דאס בין איך טאקי דער זעלבער „פאן קופיעץ", וועלכען זיי האבען מיט דריי טעג צוריק געזעהן אין סעלישטש, שטעלט ער זיך פאר מיר פאר אלס אדיוטאנט פון דאוואודצע און וועמענס נאמען ער גיט מיר איבער א הערצליכען דאנק פאר דער געטרייער קלוגער עצה, וואס איך האב זיי געגעבען, דורך וועלכען דער גאנצער שוואדראן פוילישע קאוואלעריע איז ניצול געווארען פון די רוסען אין יענער נאכט.

דערביי האט ער ארויסגענומען א פערמאכטען בריף מיט פערקלעפטע קאנטען און געזאגט צו מיר: דאס האט דיר געשיקט דער פאן דאוואודצע. ער זאל ביי דיר זיין בעהאלטען, ווי א טייערער דאקומענט, אז ס'וועט קומען די גליקליכע שעה און פוילען וועט צוריק ארויפשווימען. זאלסטו, אדער דיינע אייניקלעך זיך ווענדען מיט'ן בריף צו דער העכסטער פוילישער מאכט, און דאן שטעהט אייך פאר א גרויס גליק אויף אייביג.

פיל יאהרען זענען פון דאן פערלאפען. איך האב נישט אויפגעהערט צו גלויבען, אז די ווערטער פון פוילישען דאוואודצע וועלען נאך א אמאל מקוים ווערען, און פוילען וועט אויפשטעהן תחית המתים, דערפאר האב איך אויסבעהאלטען דעם בריעף, ווי אן אבן-טוב אין פערשידענע געפעהרליכע מאמענטען. אבער בעת די לעצטע יאהרען פון דער גרויסער וועלט-מלחמה, ווען פוילען'ס ישועה איז שוין גאר נאהנט געווען, זענען אריין קיין ווארקאוויטש א מחנה קאזאקען, זיי האבען נישט איבערגעלאזט קיין שטוב, זיי זאלען דארט נישט אויסנישטערען בחדרי חדרים, וואו ערגיץ א בעהאלטען ווינקעלע. און ווען זיי האבען זיך געלאזט געהן צו מיר אויך, האב איך זיך תיכף דערמאנט אין דעם בריף און א א מת מות איז מיר בעפאלען. איך האב זיך פארגעשטעלט, וואס עס קען זיין, ווען דער בריף פאלט ח"ו אריין אין זייערע הענד, דערום האב איך גענומען דעם בריף און מיט א שווער געמיט איהם פערברענט...

ווען מארשאל פילסודסקי איז פאר עטליכע יאהר געווען אין ראזינע, האבען אייניגע פון מיינע גוטע פריינד מיר אפילו גע'עצה'ט זיך פארשטעלען פאר איהם און איהם דערציהלען די גאנצע געשיכטע, אבער אהן דעם בריף האב איך זיך אבגעהאלטען פון געהן צו איהם ער זאל אויף מיר נישט קוקען, ווי אויף א געוועהנליכען מאניאק, א ליגנער.

אנ'אנדער אויף מיין ארט, פערענדיגט דער אלטער, וואלט זיך געגעסען לעבעדיגערהייט, וואס ער האט צושטערט אזא גליק, אבער איך נישט. מסתמא איז אזוי בעשערט.

וו. ל.

---

ערשטען שריט זענען זיי ביידע געגאנגען אלץ ווייטער און ווייטער. דער געלד-מאגנעט האט געצויגען און זיי זענען נאכגעלאפען דאס גליק מיט האסטיגע שנעלע טריט.

אין אנפאנג'ס האט זיך זיי גערוכט, אז מ'גיעט זיי אלץ פאר זייער כשיף-שמייכעלע ביז דער דאזיגער כשוף האט זיי אליין געפאנגען און פערפיהרט. זיי זענען אבער געווען בעטויבט און פער'שכור'ט און קוים האבען סאלטשע און ראחעלא געזעהען, אז מענשען ווערען רייך דורך די ערלויבענישען צו ברענגען פון וויען לעדער און אנדערע גאלאנטעריע-זאכען, האט זיך זיי פערדרעהט דער קאפ און דורך די קאנטשאפט מיט זייערע לייטענאנטען האבען זיי אהן שום שוועריגקייטען ארויסבעקומען אזעלכע ערלויבענישען און אין א שעהנעם מיטען העלען טאג האבען סאלטשע און ראחעלא געפאקט זייערע טואלעטען און איועק מיט זייערע מיליטערישע בעגלייטער בעקוקען די גרויסע דייטשע שטאדט וויען אום דערנאך אהיימצוברענגען גאלדענע מציאות.

אזוי האט ביילקע געקליבען גליק אין דער הויפט-שטאדט פון רומעניען — בוקארעשט און אין דער זעלבער צייט האבען איהרע ראדאמער קאלעזשאנקעס סאלטשע און ראחעלא שפאצירט איבער די הויפט-גאסען פון דער עסטרייכישער רעזידענץ — וויען. און אזוי די און יענע, האבען אהיימגעפיהרט גליק און גליק ביז פון גאנצען גליק האט זיך צונויפגעקנוילט אין איין גרויסען אומגליק אז די נאאיווע טאטעס און מאמעס האבען אזש אויפגעשוידערט. ווען ווי האבען זיך ארומגעזעהען איז אבער געווען צו-שפעט.

(פארטזעצונג קומט)


פעלדשער

א. פינקעלשטיין

נעמט יעצט אן קראנקע ביז 9 אווענד

אויף רוויינסקא 23 ערשטער שטאק.

שפעטער אין די פריוואט-וואהנונג רינעק 13 (יואהל 22).

עס ווערט געזוכט

א פערטרעטער

— אויף א קאמיסיאן סקלאד —

פאר קאלאשען, באטען, שיך פאר ספארט, געוועהנליכע און גומי-מאנטלען.

אפערטען דארף מען שיקען צו דער פירמע:

„GENTLEMAN" Łódź, Aleksandrowska 156-

Bank Obywatelski w Radomiu

Spółdz. z ogr. odp.

מיר מאכען דערמיט בעקאנט, אז אונזער באנק האט אנגעהויבען איהר טהעטיגקייט אום 2 יאנואר דעם חודש.

פאר אינקאסעס צאהלט די באנק אויס פינקטליך אין טאג פון איינגאנג.

די באנק מאכט זעמטליכע קרעדיט-אפעראציעס אויף זעהר גינסטיגע בעדינגונגען.

די באנק נעמט אן שפאר-איינלאגען (וקלאדען) מיט א געהעריגען צינזפוס.

די באנק קויפט און פערקויפט 10% ראדאמער שטעדטישע קרעדיט-פאפירען און צאהלט די בעסטע פרייזען.

די באנק נעמט צו אינקאסעס אויף שידלאוויעץ און רעכענט 1 זל. פראוויזיאן פון שטיק, און צאהלט אויס דאס געלד באלד נאכ'ן איינגאנג.

די פערוואלטונג פון דער

בירגער-באנק אין ראדאם.

# קעלצער אבטיילונג.

## פון שטאדט-ראט.

די פאריגע וואך מאנטאג, דעם 23 ה. ח. איז אין שטאדט ראט פארגעקומען א זיצונג, אין וועלכע עס האבען אנטייל גענומען א גרויסע צאהל ראטמענער אין די פע-וואלטונג.

עס ווערט בעטראכט די פראגע צו קאנווערטירען די אנלייהע, וואס די שטאדט האט בעקומען פון דער אמעריקאנער געזעלשאפט „אולען" אויף 8% יעהרלעך אויסציצאהלען אין פערלויף פון צוואנציג יאהר אויף א הלוואה אויסצוצאהלען אין משך פון 30 יאהר אויף 7 פראצענט יעהרליך. ווייל אבער די פירמע „אולען" קען לויט דעם אפמאך, וואס איז אין זיין צייט געשלאסען געווארען, נישט האבען קיין היזק פון וועלכע עס איז ענדערונג ווערט דער חוב. וואס „אולען" האט אויסגעבארגט אין דער הויך פון 500.000 דאלאר פערגרעסערט אויף 552.000 דאלאר. צוליב דעם אבער, וואס פאר פיל ראטמענער איז דער חשבון נישט קלאר, ווערט בעשלאסען דעם ענין איבערצושיקען אין דער פינאנס-בודזשעט קאמיסיע, וועלכע דארף דעם ענין ערלעדיגען און אויפקלערען אין פערלויף פון צוויי טעג.

מען טרעט צו צו בעטראכטען דעם פארשלאג פון מאגיסטראט, אז דער ראט בעפאלמעכטיגט דעם מאגיסטראט צו נעהמען א הלוואה אין גרויס פון הונדערט טויזענד זלאטעס, וואס זאל דעקען די לויפענדע אויסגאבען. דערביי ערקלערט דער פרעזידענט, ה' גאטטעל, אז די שטאדט-קאסע איז לעהר און די שפיטעלער האבען שוין אנגעבארגט ביי די צושטעלער און דאס איינמאהנען די שטייערן געהט צו עטוואס לאנגזאמער און בעט דעם פארשלאג אנצונעהמען.

ראטמאן ד"ר פע"ץ שטיצט אונטער דעם פארשלאג און ווענדעט זיך מיט א אפעל צום פרעזעס פון ראט, צו בעטראכטען זיין פארשלאג וועגען צולעגען דאס אויסצאהלען די פערלעגענע שטייערן אויף 6 ראטעס מיט 1 פראצענט שטראף, כדי מעגליך צו מאכען יעדען איינעם דאס אויסצאהלען די שטייערן און אזוי וועט גיכער איינפליסען געלד אין דער שטאדטישער קאסע.

נאך דער הפסקה וואס איז ערקלערט געווארען אויף 5 מינוט, ווערט דער פארשלאג דורכ'ן גאנצען ראט אנגענומען געגען דער איין-איינציגער שטימע פונם ענדעק ד"ר זאסוכא.

ווען מען טרעט צו צו בעטראכטען די פראגע, וואס איז געשטאנען אויפ'ן טאג-ארדנונג, וועגען וועהלען א קאמיסיע אויסצוארבייטען א רעגולאמין פאר'ן קאמיטעט פון פונאנדערבויען די שטארט ביים היגען מאגיסטראט, טראגט דער ראטמאן וואיציק (סאנאציע) ארייין א דרינגענדען פארשלאג, צו שאפען בכלל א רעגולאמין-קאמיסיע. ער שטיצט אונטער די דרינגליכקייט פון פארשלאג, ווייל דער ראט ארבייט אהן רעגולאמין און עס עגזיסטירט נישט קיין רעגולאמין פאר די קאמיסיעס. די דרינגליכקייט ווערט אנגענומען.

דער פרעזעס פונ'ם ראט ערקלערט, אז דער פארשלאג פונ'ם ראטמאן וואיציק איז נישט אויפ'ן ארט... ווייל אין דער איינלאדונג איז אריינגעפאלען א טעות און עס דארף טאקי זיין א רעגולאמין-קאמיסיע און נישט נור ספעציעל פאר איין קאמיסיע.

אין דער רעגולאמין-קאמיסיע זענען פון די „צוויי" יודישע קלובען פערטרעטען ה' ראוויצקי און לעווי.

עס ווערט אויך אנגענומען דער פארשלאג פון מאגיסטראט ארויפצולעגען א שטייער אויף נישט פערבויטע פלעצער אין צענטרום שטאדט 1 פראצענט פונ'ם ווערט פון פלאץ און א האלבע פראצענט אויף די זייטען גאסען

צום שלוס טראגט ראטמאן ליקאווסקי (אונאבהענגיגע) א דרינגענדען פארשלאג צו וועהלען א סאניטאר-קאמיסיע ביים שטאדט-ראט, וואס זאל ואפארט צוטרעטען צו קאנטראלירען דעם סאניטארען צושטאנד אין אלעקסאנדער-שפיטאל. אין זיין רעדע מאהלט דער רעדנער אין שווארצע פארבען די שווערע לאגע פונ'ם קראנקען, וואס זיין גורל האט אים פערשלעפט אין דעם שפיטאל. און שלאגט פאר צו וועהלען אין דער קאמיסיע די דריי דאקטוירים ראטמענער ד"ר גזיבאווסקי, ד"ר זאסוכא און ד"ר פעלץ.

ד"ר פעלץ שלאגט פאר, אז דער שטאדט-ראט זאל פעסטשטעלען די קאמפעטענץ פון דער סאניטאר-קאמיסיע. צוליב דעם ווערט געענדערט, מיט דער איינשטימונג פון ראטמאן לוקאווסקי, דער פארשלאג. אז עס ווערט געשאפען א קאמיסיע פון 7 ראטמענער, וואס האבען צו זארגען פאר דעם גוטען סאניטארען צושטאנד פון אלע שטאדטישע שפיטעלער (דארונטער אויך דאס יודישע) יתומים-היימער און אנדערע אנשטאלטען.

געגען פארשלאג פון ד"ר פעלץ טרעט ארויס (שוין טראדיציאנעלן) ראטמאן לעווי און רופט אויס. אז דאס אבצייכנען די קאמפעטענץ פון דער סאניטאר-קאמיסיע, ווארום מען ווייסט, אז א סאניטאר-קאמיסיע ווערט נישט גערופען צו שפילען אין בילארד. און שלאגט פאר, אז די קאמיסיע זאל בעשטעהן נור פון 5 מיטגלידער.

נאך א ווערטער-אויסטויש בעת עז רעדט ראטמאן ד"ר פעלץ ווערט אנגענומען דער פארשלאג פונ'ם ראטמאן לוקאווסקי און די אויסבעסערונג פון ד"ר פעלץ.

עס ווערט אריינגעטראגען א פערזאנליכע ליסטע אין וועלכע עס געהען אריין ד"ר זאסוכא, ד"ר פעלץ, ד"ר גזיבאווסקי, קרופסקי, לוקאווסקי, אסטראווסקי און ראווסקי און גאלדשיידער. דערויף טראגט ה' לעווי אריין, א צווייטע ליסטע, וואס אנשטאט ד"ר פעלץ און גאלדשיידער פיגורירען ה' לעווי אליין און ה' לעוו. צוליב דעם פערארדענט דער ה' פרעזעס פון ראט, אז די וואהלען זאלען פארקומען דורך אויפשרייבען די נעהמען פון די קאנדידאטען. נאכ'ן איבערצעהלען די שטימען ערקלערט דער פרעזעס, אז געוועהלט זענען געווארען די 6 מיטגלידער וואס האבען געהאט א אבסאלוטע מעהרהייט: ד"ר גזיבאווסקי, ד"ר פעלץ, ד"ר זאסוכא, לוקאווסקי, אסטראווסקי און קרופסקי. דאגעגען וועגען זיבעטען קאנדידאט דארף נאך א מאהל פארקומען ענגערע וואהלען, ווייל די ה"ה לעווי און גאלדשיידער האבען בעקומען אין א גלייכער צאהל צו 14 שטימען. איינצעלע ראטמענער פערלאזען דעם זאל, עס ווערט אבגעגעבען 21 שטימען 13 פאר ראטמאן גאלדשיידער 8 פאר ראטמאן לעווי און צוויי לעהרע צעטלען. עס איז דעריבער אויסגעדעהלט געווארען דער ראטמאן גאלדשיידער.


בעסטע שיפס קאמוניקאציע צווישען פוילען און קאנאדע
„באלטיק-אמעריקא-ליין"
עמיגראציע — ענינים ערלעדיגט
ביורא „ירס"
קעלץ, קילינסקי גאס № 8

געברויכט נאר „פאטאקאל"
וועלכער איז אויף דער ווירטשאפטליך עפייז כראָ-
דוקטען אויסשטעלונג אין קאטאוויץ (9|18 — 27 10|9)
בעשאנקען געווארען מיט א


גאלדענעם מעדאל
הכשר פונ'ם הרה"ג צבי חנוך הכהן שליט"א לעווין אבד"ק בענדין.

# ראדאמער כראניק

## געוו. דעפוטאט יצחק גרינבוים אין ראדאם.

היינטיגען שבת, דעם 4־ען ה. ח. קומט פאר אין זאהל פון קינא „קארסא“ א מאסען־מיטינג מיט׳ן אנטייל פון געוו. דעפוטאט יצחק גרינבוים. דעפ. יצחק גרינבוים וועט אויפטרעטען מיט א רעפעראט אין צוזאמענהאנג מיט די פאר־שטעהענדע וואהלען צום סיים און סענאט. דאס קומען פון ה׳ גרינבוים האט ארויסגערופען אין שטאדט גרויס פער־אינטערעסירונג.

בײַ נישט גוט געפונען זיך דאס נאטירליכע „פראנץ־יאזעף“ ביטער־וואסער אין אנגענעם ווירקענדעס הויז־מיטעל און עס ברענגט זיכער נוצען. צושריפטען פון פרויען־קראנקהייטען לויבען די רעכט מילדע ווירקונגסווייזע פון וואסער **Franciszka Józefa** פאר דעם צארטען קערפער־בוי איז עס פארציגליך נוצענסווערט.

## ק ע ל צ ע ר  כ ר א נ י ק.

### צום פארשטעהענדען קאנצערט־באל פון דער געז.

### „טאז“ אין קעלץ.

היינטיגען שבת צונאכט וועט אין קינא „פאלאס“ פארקומען דער לאנג־ערווארטעטער קאנצערט באל, וועלכער ווערט איינגעארדענט דורך דער געזעל־שאפט אבצוהיטען דאס געזונד פון דער יודישער בעפעלקערונג „טאז“. דער פראגראם פון דער מוזיקאלישער וואקאלישער טייל איז זעהר א רייכער. פיל פארשידענע אטראקציעס אונטער׳ן לאזונג: „לאכען איז געזונט, דאקטוירים הייסען לאכען“.

דער באל וועט לויט אלע הכנות און פארבערייטונגען מיט זיך פארשטעלען א גראנדיעזע פערוויילונג, א ראנדעוו פון גאנץ קעלצער אינטעליגענץ און וועט זיין אזא ריזיגע אימפאזאנטע אונטערנעמונג, וואס קעלץ האט נאך ביז היינט נישט געהאט.

די גאנצע הכנסה געהט לטובת דער געזעלשאפט „טאז“.

ביי דער געלעגענהייט איז ווערט צו געבען א קורצען איבערבליק איבער די אייגענטליכע צילען און אויפגאבען פון דער געזעלשאפט „טאז“. דער נאמען פון דער געזעלשאפט צו העלפען דאס געזונד פון דער יודישער בע־פעלקערונג איז גענוג פאפולער אין אלע קרייזען פון דעם אלוועלטלי־כען און פוילישען יודענטום. צו זאר־גען פאר א געזונטען דור, דאס פער־שפרייטונג פון היגיענע און עצות פון געזונדהייט, דאס בעקעמפפען די שרעק־ליכע פלאג פון דער מענשהייט: סוחאטעס (טובערקולאז), שאפען סאנאטאר־יומס געגען דער קרענק— זענען די יסודות פון דער געזעלשאפט.

פון דעם איינקונפט פון דעם באל וועט אפהענגיג זיין דאס ווייטערדיגע ארויס־שיקען פון עטליכע צענדליג קינדער פון קעלץ קיין אטוואצק און דרוסקע־ניק, וועלכע די געזעלשאפט „טאז“ האט בדעה איינגיכען צו דורכפיהרען. די פעראינטערעסירונג מיט דער באל געהט איבער יעדער ערווארטונג, לאמיר האפען, אז דער מאטעריעלער ערפאלג וועט אויך זיין א איבערראשענדער וואס וועט ארויסווייזען די ווארעמע בעציהונג פון דער קעלצער יודישער בע־פעלקערונג צום קעלצער אפטיילונג פון דער געזעלשאפט „טאז“.


שרייב מאשינקעס

„אונדערוואאד“ אדער „רעמינגטאן“

פערקויף אדער פערדינגען

RADOM, ul. Lubelska 50 m. 6.



לייפציגער

מעסע (יריד)

פונ׳ם 4 ביז׳ן 10 מערץ 1928

די גרויסע טעכנישע און בוימעסע

פונ׳ם 4 ביז 14 מערץ 1928.

טעקסטיל־שיך און לעדערמעסע

פונ׳ם 4 ביז׳ן 7 מערץ 1928.

די בעסטע און גרעסטע געלעגענהייט צום איינקויפען פון דער גאנצער וועלט.

אויסקינפטען באקומט מען ביים

— פערטרעטער —

*Władysław Glazer*

**WARSZAWA**

**Aleje Jerozolimskie 41.**



*Kino-Teatr* **CORSO** *w Radomiu*

Od poniedziałku 6 Lutego 1928 r.

**GEHENNA MIŁOŚCI**

w rolach głównych:

**Ivan PETROWICZ, Vivian GIBSON i Bruno KASTNER.**

**ŻYCIE WIELKIEGO KSIĘCIA ROSYJSKIEGO w EMIGRACJI**

Przepiękny dramat ilustrujący życie Wielkiego Księcia po rewolucji rosyjskiej.

Nastrojowa symfonja duszy rosyjskiej.

Ilustracja muzyczna specjalnie dostosowana do obrazu z utworów rosyjskich kompozytorów.

ze względu na wysoką wartość artystyczną i nastrojową filmu uprasza się Sz. Publiczności o punktualne przybycie na początek seansów.



*Kino* **„Czary“** *w Radomiu*

DZIS WIELKA PREMJERA!

od dnia 30-go stycznia 1928 r.

**SZATAŃSKA SYRENA...!**

Zawrotny szał zmysłów. AKTÓW 10.

OSOBY: Złotowłosy wampir **Claire de Lorez**, odtrącona **M lle Josyane** władca ukrytych skarbów **Ivan Petrowicz.**

Najpotężniejszy film francuski!! Przewrót w kinematografji!! Realizacja genjalnego Leonce'a Perret, twórcy filmu p. t. „SZATAN w JEDWABIACH“ (La fimme nue).



Kino „ODEON“ w Radomiu.

Od 30-go stycznia

2 i ostatnia serja CASANOVY p. t.

**Na dworze carowej Katarzyny II**

Blask i splendor dworu carskiego. Ucieczka Casanovy z Petersburga. Powrót do ukochanej Wenecji. Casanova aresztowany i skazany na śmierć. Ucieczka i śmierć Casanovy.

W roli głównej ulubieniec publiczności **I. Mozżuchin.**



*Kino „CORSO“ w Radomiu.*

פון היינט פרייטאג דעם 3־טען ה. ח.

**KOBIETA bez NAZWISKA**

דאס בילד איז א פרעכטיגס און ס׳אין ווערט אז עס זאל דורך אלע געזעהן ווערען.



**Felczer H. GRINSZTAJN Zgodna 1, tel. 303.**


Redaktor i Wydawca CH. M. HERC · Odbito we własnej drukarni, Radom, Szwarlikowska 20.